# רבי אביגדור ענטפערט...



שאלות פונעם המון עם אין אלע ענינים פון יהדות, השקפה, עצות,
און נאך, וואס זענען געענטפערט געווארן דורך

**הגה"צ חכימא דיהודאי, הרב**
**רבי אביגדור מיללער זצ"ל**

ביי די בארימטע ליל שישי שיעורים

פ' דברים - תייב
תשפ"א לפ"ק
גליון קע"ח

## פראגע

**וויאזוי קען זיין אז שנאת חינם – די עבירה וואס האט געברענגט דעם חורבן בית שני – איז אזוי הארב ווי עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים? וואס מאכט פיינט האבן א צווייטן איד אזוי געפערליך אז ס'זאל ארייגגיין אין די זעלבע קאטעגאריע ווי יענע גרויסע עבירות?**

## ענטפער:

שנאת חינם איז אין א געוויסער זין דער **גורם** פון אלע אנדערע עבירות.

איינער פון די ראשונים – איך מיין ס'איז דער חובת הלבבות אדער רבינו סעדיה גאון – שרייבט אז איינס פון די גורמים צו חסרון אמונה איז די **שנאה קעגן עובדי ה'**. ווען מענטשן האבן פיינט אנדערע אידן, איז עס גורם אז נישט בלויז זאלן זיי נישט זיין צופרידן מיט זיי, נאר זיי ווערן אומצופרידן מיט כלל ישראל בכלליות; און אפילו די **השקפות** פון אידן ווערט מופרך ביי אים. ער גלייכט שוין מער נישט אפילו זייערע השקפות.

איך האב אמאל געהערט דעם פרעזידענט פון אגודת הרבנים רעדן פאר 50 יאר צוריק. ער האט געזאגט, "ווען מענטשן רעדן קעגן רבנים, האבן זיי נישט באמת קיין טענה קעגן די רבנים. ס'איז באמת א שנאה צו די תורה. דאס איז וואס ליגט דערונטער." ווען מענטשן האבן א שנאה צו אנדערע אידן, זענען זיי שונאים צו השי"ת.

איך וועל עס מער מסביר זיין: "אהבתי אתכם אמר ה'" (מלאכי, א, ב') – איך האב אייך ליב, זאגט דער אויבערשטער. "אוהב עמו ישראל!" דער אויבערשטער האט ליב זיין פאלק ישראל! איבעראל וואו מען קוקט אין די תורה, נביאים און כתובים, זאגט דער אויבערשטער איינמאל און נאכאמאל – "איך האב זיי ליב!" יעצט וויאזוי קען א מענטש פיינט האבן א מענטש וועם דער אויבערשטער האט ליב? וועגן דעם זאגט השי"ת, "אויב דו האסט פיינט מיינע קינדער, האסטו מיך פיינט!" און דער מסילת ישרים זאגט **"אין הקב"ה אוהב אלא מי שאוהב את בניו"** – דער אויבערשטער האט בלויז ליב אזא איינעם וואס האט ליב זיינע קינדער. מען דארף ליב האבן דעם אויבערשטנ'ס קינדער.

וועגן דעם, אויב א מענטש האט א שנאה צו א צווייטן איד, דארף ער תיכף ומיד וויסן אז ער איז א שונא ה', ווייל דער איד רעפרעזענטירט דעם אויבערשטן.

"עה" – זאגט ער - "אבער אנדערע אידן האב איך נישט פיינט, נאר אים."

עס מאכט נישט קיין חילוק. **ער איז איינס פון זיי**. ער רעפרעזענטירט דעם פאלק וואס הקב"ה האט געזאגט וועגן זיי, "דאס איז מיין פאלק." און דערפאר "ומקלליך ארור" – איינער וואס שעלט א צווייטן איד – און אפילו ער שעלט ניטאמאל; אפילו בלויז אין זיין הארץ טראכט ער אז ער וואלט געוואלט זען אן אומגליק קומען אויף א צווייטן איד; "שמח לאיד לא ינקה!" (משלי, י"ז, ה), אפילו ס'איז בלויז אין זיין הארץ, ער טוט גארנישט; ער ווארט פשוט צו הערן שלעכטע בשורות ביי א צווייטן, דארף ער וויסן אז דער אויבערשטער איז שוין קעגן אים.

און דאס איז די התחלה צו אנדערע שלעכטע זאכן. אסאך מענטשן זענען שוין ארויס לתרבות רעה אין רעזולטאט פון מחלוקת מיט אידן. צומאל קען עס אויך פירן חלילה צו שפיכת דמים. און ס'איז עבודה זרה ווייל עס מיינט מינות. פארוואס קענסטו נישט טרעפן אין דיין הארץ פלאץ ליב צו האבן א איד וואס דינט דעם אויבערשטן? נאך אלעם איז ער א פרומער איד; זיין הויז איז א כשר'ע פלאץ און זיינע קינדער לערנען תורה. וויאזוי קענסטו אים פיינט האבן? בלויז ווייל דו האסט עפעס א פערזענליכע זאך מיט אים? אבער ער איז דאך פונעם עם ישראל! דער אויבערשטער האט אים ליב! אויב אזוי מיינט עס

אז דער אויבערשטער איז ווייט פון דיין מחשבה. און דערפאר איז דאס דער אנהויב פון עבודה זרה. במילא, הגם ס'איז נישט די זאך אליינס, אבער שנאת חנם איז זיכער א מקור פאר אזעלכע זאכן. (E-65)

## פראגע

### פארוואס דארף מען א בית המקדש אויב ס'איז דא עולם הבא?

## ענטפער:

די שאלה איז אייגנטליך, ווער דארף עולם הזה אויב ס'איז דא עולם הבא? דער ענטפער איז: עולם הזה איז דער פלאץ וואו מען האט **געלעגנהייטן**.

איר ווייסט, ווען רבי אליעזר הגדול האט געהאלטן פאר'ן פארלאזן די וועלט, זענען זיינע תלמידים געקומען צו אים און געזאגט, "רבינו למדינו אורחות חיים" – לערן אונז די וועגן פון לעבן (ברכות, כ"ח ע"ב). און ער האט זיי געזאגט עטליכע זאכן. די ערשטע זאך האט ער זיי געזאגט "הזהרו בכבוד חבריכם" – זייט געווארנט אין די כבוד פון אייערע חברים. דאס איז נומער איינס! איר הערט? א מענטש וואס האלט פאר'ן שטארבן, ער גיבט הוראות פאר זיינע תלמידים, און די ערשטע זאך אויף די ליסטע איז "הזהרו בכבוד חבריכם" – זייט נזהר אין די כבוד פון אייערע חברים, אייער ווייב, אייער מאן, אייערע שכנים. הזהרו! דאס איז זייער וויכטיג.

יעצט פארשטייען מיר די סיבה פארוואס מיר האבן חברים און שכנים; פארוואס מיר זענען חתונה געהאט. די צוועק איז – אונז צו שטעלן פאר א נסיון. דער אויבערשטער שטעלט אונז אונטער געלעגנהייטן צו שטייגן. נישט מיט יעדן איז גרינג זיך דורכצוקומען, און אפילו מיט די בעסטע מענטשן איז עס נישט אייביג אזוי גרינג. און מיר דארפן אלעמאל האלטן פאר די אויגן אז דאס איז אונזער שלימות, צו וויסן וויאזוי זיך דורכצוקומען מיט מענטשן.

זייט געווארנט אין די כבוד פון אנדערע אידן, אין די כבוד פון אייער בני בית, און פון אנדערע מענטשן. רעדט נישט קעגן זיי. אייער שוויגער, אייער שניר, אייערע מחותנים; הזהרו! זייט געווארנט אין יעדנ'ס כבוד. דאס איז די נומער איינס פארלאנג פון א איד, און דאס איז פארוואס מיר זענען אויף דער וועלט.

אלזא, פארוואס האט דער אויבערשטער געמאכט אנדערע מענטשן ארום דיר? אונז **אויסצופראבירן**. קענסטו זיך דורכקומען מיט זיי? דאס איז דיין שלימות, אלעס אויף דער וועלט איז דיר צו מאכן בעסער.

דער בית המקדש איז געווען איינס פון די **גלאררייכסטע מיטלען** צו ווערן בעסער. אויב איר וואלט נאר געקענט אריינגיין אינעם בית המקדש פון אמאל, אויב איר וואלט בלויז געזען כהנים בעבודתם, וויאזוי די כהנים דינען השי"ת, וואלט איר פאקטיש געשפירט אז דער אויבערשטער וואוינט אין דעם הויז. צי ווייסט איר וואספארא געפיל דאס איז? דער אויבערשטער איז "שוכן בבית הזה!" (ברכות י"ב ע"א). דאס איז **אמונה**, צו קונה זיין אן אמת'ער געפיל. דער אויבערשטער רועט צווישן די בני ישראל, "השוכן בתוך בני ישראל" (במדבר, לה, לד).

אויב איז דא א געביידע וואו דער אויבערשטער וואוינט כביכול, דאס איז זיין אדרעס וואו מען ברענגט קרבנות צו אים, די **אמונה חושית** - אן אמת'ע הרגשה פון זען דעם אויבערשטנ'ס הויז וואס מען באקומט פון ברענגען קרבנות, און די וועג וויאזוי די קרבנות זענען געברענגט געווארן מיט יראה; די גרעסטע סארט רעספעקט אין יעדן קליינעם דעטאל, דאס אלעס האט געהאט אזא אויסטערלישע השפעה אויף די אלע וואס האבן עס געזען, אז ס'איז געבליבן אויף אייביג. ווען מענטשן זענען אהיימגעגאנגען פונעם בית המקדש איז זייער מח געווארן געטוישט אויף אייביג. אזוי פיל אמונה האט מען קונה געווען פונעם ביהמ"ק, און יעצט ווײנען מיר אויף דעם **פארלוירענעם געלעגנהייט**.

איז וואס טוען מיר יעצט? יעצט דארפן מיר טון אנדערע זאכן, סיי-וואס מען קען טון צו קונה זיין אמונה. און דערפאר, ווען מיר רעדן וועגן דעם פארלוסט פונעם ביהמ"ק, מיינען מיר בעיקר דעם פארלוסט פונעם געלעגנהייט צו שטייגן גרויס.

היינט צו טאגס זענען פאראן אנדערע געלעגנהייטן. יא! לערן תורה, לערן מסילת ישרים, לערן חובת הלבבות, אויסדרוקליך, עס איז אויך היינט דא וועגן צו שטייגן גרויס. ווען מענטשן נוצן אויס די געלעגנהייטן וואס זענען היינט דא, זאגט דער אויבערשטער, "איך וועל דיר געבן קרעדיט פונקט ווי דו וואלסט ווען געהאט א בית המקדש!" דו זאלסט קענען ריכטיג אויסנוצן די וועלט אלס א הכנה פאר דיין קאריערע אין עולם הבא.

די שאלות ותשובות זענען איבערגעטייטשט געווארן אויף אידיש לזכות את הרבים. צו באקומען טעגליך אין אימעיל די ארגינעלע שו"ת (ענגליש), און סוף וואך א פולע שמועס אויף די פרשה, שיקט א פארלאנג צו Signup@TorasAvigdor.org, אדער גייט צו torasavigdor.org. צו באקומען א שו"ת וועכנטליך דורך תלמידו הרב אברהם טיקאצקי שליט"א, שיקט א פארלאנג צו tikotzky@gmail.com
.Simchas Hachaim Publishing (SHP) is the official publisher of Rabbi Avigdor Miller's books and lectures
SHP is a project of Yeshiva Gedolah Bais Yisroel. Visit us at simchashachaim.com

סידור ועימוד ע"י מערכת להתענג וכל הזכויות שמורות

# אין אלע ספרים געשעפטן!




דער ספר וואס וועט
דערלייכטן אייערע אויגן,
און דערפרישן אייער נשמה!

אידיש!

## הונדערטער פראגעס און ענטפערס

אין אלע תחומי החיים לויט די ריינע תורה השקפה
צוזאמגענומען אין איין באנד

פאר גרעסערע באשטעלונגען, האלסעיל און מוסדות התורה, רופט: 845-625-2973

# שרייבט אייך איין צו באקומען די הערליכע גליונות קונטרסים וועכענטליך אויף אימעיל




בריליאנטענע און אייגנארטיגע גליונות קונטריסים, היימיש און געשמאק

**זיך איינצושרייבן רופט מערכת להתענג: 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com




# באשיינט אייער
# שמחה,
# שבת התוועדות

- סידורים
- חומשים
- זמירות
- גליונות

**קאסטום לויט אייער געשמאק**







**צו באשטעלן רופט:**

**מערכת להתענג 845-662-2782**

אדער שיקט אן אימעיל צו Lehisaneg@Lehisaneg.com

בס"ד

די דאזיגע גליון ערשיינט וועכנטליך אין די הערליכע קונטרסים

עונג שבת/גוט שבת שע"י מערכת להתענג

צו באקומען די קונטריסים אויף אימעיל פאר בלויז 1$ א וואך קליקט אויפן פאלגענדע לינק

http://goo.gl/forms/S8OzcjI4K1

אדער שיקט אן אימעיל צו Subscribe@Lehisaneg.com

(אויף אונזער אימעיל ליסטע ווי אויך אויף לדעת, ערשיינט די גליון מיט צוויי וואכן אפגערוקט)

כל טוב